בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי

תשפ"ה

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

**וויליאמסבורג**

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

**בארא פארק**

**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

**בלומינגראוו**

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

**מאנסי**

**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש

**ירושלים**

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**

**054.845.6150**

היכל הקודש

**בני ברק**

**רחוב ירושלים 2**

**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִויפִיל טְרָאסְט מֶען דָאקְטוֹירִים אוּן אָלְטֶערְנָאטִיוְוע מֶעדְעצִין?.......................א

מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְמִיטְן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט?.......................ג

וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ צוּם אֱמֶת?.......................ה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁפִּירְן עֶכְטֶע פְרֵיילִיכְקֵייט? .......................ז

וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה?.......................ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה, וֶועט דִיר גוּט זַיין.......................א

מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, פוּן לִיבְּשַׁאפְט.......................ב

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִיסִים.......................ג

נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע.......................ד

הַאלְטְן בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל דִי זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.......................ה

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר הֲפָצָה, אִיז מְקַרֵב דִי גְאוּלָה.......................ה

הַלְוַאי אַז דוּ וֶועסְט גוֹרֵם זַיין חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.......................ו

מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד דִי שִׁידוּךְ צוּ הֶעלְפְן דִי מַאמֶע וָואס מֶער.......................ז

וֶוען דִי וַוייבּ וֵויינְט.......................ז

לוֹיף נִישְׁט אַרוּם שַׁבָּתִים עֶסְן בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם.......................ח

אַ שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת.......................ט

הַאלְטְן טַייעֶר דִי וַוייבּ, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען .................... י

שַׁארְץ אַרוֹיף דַיינֶע עֶרְמְל פַאר אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה ............................יא

נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין פִּינְטְל חֲלִישׁוּת הַדַעַת..........יב

זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד דִי גֶעבּוּרְטְס טָאג ..........יד

אוֹיסְהֶערְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט אַ סִידוּר ............................ טו

סְגוּלוֹת פַאר קִינְדֶער ............................................ טו

עֵצוֹת פַאר אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת............................................ טז

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ..............................יח

הֶעלְפְן דֶעם מַאן צוּ קֶענֶען אָנְהַאלְטְן זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט .............. יט

דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען טְרֶעפְן נָאר אִין זַיינֶע סְפָרִים................................ כ

דִי שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ שְׁמַאטֶע............................................כא

הֶעלְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּב...........................................כב

לָאז אָפּ סְפָרִים חִיצוֹנִיִּים; לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשִׁים..........כד

נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער ..........כו

אַז דוּ וֶועסְט דִי צְוֵויי זַאכְן טוּן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע ..........כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִיפִיל טְרָאסְט מֶען דָאקְטוֹירִים אוּן אָלְטֶערְנָאטִיוֶוע מֶעדֶעצִין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי עֵצוֹת, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי לֶעבְּן וֶוען מֶען ווייסְט פוּנֶעם תַּכְלִית.

עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן אִין וָואס אִיךְ בִּין שְׁטַארְק צֶעמִישְׁט, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוּן אוֹיסְקְלָארְן.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּיטוּל צוּ דָאקְטוֹירִים אוּן צוּ דִי אַלְגֶעמֵיינֶע אָנְגֶענוּמֶענֶע מֵיינוּנְג אִין גֶעזוּנְטְהֵייט. אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן פְלֶעג אִיךְ רוּפְן אַ פְרוּי וָואס הֵיילְט דוּרְךְ עֶנֶערְגִיֶע, אִיךְ פְלֶעג אִיר אַלְץ רוּפְן וֶוען אִיךְ אָדֶער דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, זִי פְלֶעגְט מִיר זָאגְן וָואס צוּ גֶעבְּן אוּן וָואס צוּ טוּן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ זִי הָאט גֶעבֶעטְן אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דֶעם.

הַיינְט קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט רוּפְן קַיין עֶנֶערְגִיֶע פְרוֹיעֶן, אִיךְ הָאבּ אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן פְּלוּצְלוּנְג צוּ גְלוֹיבְּן אִין דִי אַלְגֶעמֵיינֶע דָאקְטוֹירִים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען אַ קִינְד שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט בֶּעט אִיךְ אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ דָאךְ הָאבְּן אַחְרָיוּת אוֹיפְן קִינְד, אוּן דָא בִּין אִיךְ זֵייעֶר צֶעמִישְׁט; ווִיפִיל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע בַּאלַאנְס וָואס אוּן ווִיפִיל צוּ טוּן?

זָאל אִיךְ גֶעבְּן וִויטַאמִינֶען? אוּן אוֹיבּ יָא, ווִיפִיל אוּן ווִי אָפְט? אִיז גוּט צוּ גֵיין צוּ אַ קַיירָאפְּרַאקְטָאר? זָאל אִיךְ טְרָאסְטְן דֶעם דָאקְטֶער בְּלִינְדֶערְהֵייט מִיט אַלֶעס וָואס עֶר

זָאגְט? ווי פְּרִי זָאל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן וַואקְסִינֶען פַאר דִי קִינְדֶער? אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז פַאר צְוָואנְצִיג יָאר אִין אַ צִי הַאלְט אִיךְ אִין אֵיין הֶערְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ עֶס אִיז.

יֶעצְט אַז אִיךְ בִּין בַּיים רֶבִּי'ן, אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ ווִיל פָּאלְגְן, דַארְף אִיךְ אַבִּיסְל חִיזּוּק אוּן הַדְרָכָה אִין דִי אַלֶע זַאכְן. אוֹיךְ ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה פַאר מַיין בֶּעבִּי וָואס הָאט גֶעהַאט דִי פְלוּ, אָבֶער זִי אִיז נָאכְהַאלְץ נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זַייט אַייךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן דִי זַאכְן, דֶער עִיקָר בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז שִׂמְחָה אוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען דִי צְוֵויי שְׁטְרִיקְן אִין וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָנְכַאפְּן נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן, אַזוֹי זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ. דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״דַע״, זָאלְסְט ווִיסְן, ״שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד״, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, דֶער לֶעבְּן אִיז ווִי אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, אוּן מֶען קֶען יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אַרָאפְּטְרַאסְקֶען אִין אַ טִיפֶע אָפְּגְרוּנְד, ״וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל״, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; זָאגְט מוֹהֲרַא״שׁ, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיק אָן קַיין שְׁרֶעק? דוּרְךְ זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין דִי צְוֵויי שְׁטְרִיקְן, ״שִׂמְחָה״ אוּן ״הִתְבּוֹדְדוּת״; פוּן אֵיין זַייט הָאט מֶען דִי פְרֵייד ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי״, מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד, אַ קִינְד בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי צְווֵייטֶע שְׁטְרִיק - אַז מֶען הָאט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, יֶעדֶע זַאךְ שְׁמוּעֶסְט מֶען מִיט אִים.

וויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט, אָדֶער אַ קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, גֵיין צוּם דָאקְטֶער, אוּן אַז דֶער דָאקְטֶער פַארְשְׁרַייבְּט מֶעדֶעצִין נֶעמְט מֶען מֶעדֶעצִין. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּם דָאקְטֶער זָאל מֶען נֶעמֶען אַ דָאקְטֶער וָואס אִיז אַ מוּמְחֶה אִין דִי זַאךְ וָואס מֶען גֵייט צוּ אִים, אוּן מִיט תְּפִלָּה זֶעט מֶען יְשׁוּעוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ל, ג): "בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ", אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג, "שֶׁאֵין לָהֶם לֹא מֶלֶךְ", וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֶענִיג, "וְלֹא נָבִיא", אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין נָבִיא, "לֹא כֹּהֵן", מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּהֵן, "וְלֹא אוּרִים וְתֻמִּים", אוּן נִישְׁט קַיין אוּרִים וְתוּמִים, "וְאֵין לָהֶם אֶלָּא תְּפִלָּה זוֹ בִּלְבָד", מִיר הָאבְּן נָאר תְּפִלָּה, "אָמַר דָּוִד לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַל תִּבְזֶה אֶת תְּפִלָּתָם", אוֹיף אוּנְז בֶּעט דָוִד הַמֶּלֶךְ 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם אָן דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער'.

אוֹיף דִי זַאךְ פוּן עֶנֶערְדְזְשִׁי, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז דָאס אִיז אַ דִמְיוֹן, אוּן דֶער וָואס גֵייט אַרַיין אִין דִי דִמְיוֹן הוֹיבְּט אָן דִמְיוֹנֶ'עְן אַז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס הֶבֶל הֲבָלִים. אַנְשְׁטָאט גְלֵייבְּן אִין דִמְיוֹנוֹת - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען בֶּאֱמֶת אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה אוּן צוּ שִׂמְחָה, אוּן דָאס אִיז דִי רְפוּאָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְמִיטְן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, אִינְמִיטְן טוּן דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט? צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען מֶען וַואשְׁט דִי שְׁטִיבֶּער אוּן מֶען וַואשְׁט דִי גֶעשִׁיר, אָדֶער אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַודַאי קֶען מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דִי צַייט וָואס מֶען רֵיינִיגְט דִי שְׁטוּב וְכוּ', דָאס הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט, מִיר זָאלְן אַ גַאנְצְן טָאג, פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיפְדֶערְנַאכְט וֶוען מֶען גֵייט שְׁלָאפְן - זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶסְן אוּן אוֹיסְגִיסְן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו): "שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ הִתְבּוֹדְדוּת", אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת, "וּלְבַלּוֹת כָּל הַיּוֹם עַל זֶה", אוּן מִיט דֶעם זָאל מֶען פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם גַאנְצְן טָאג, "אַךְ לְאו כָּל אָדָם יָכוֹל לְקַיֵּם זֹאת", אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס טוּן, "עַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ לְצַוּוֹת לָהֶם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת", דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, "כִּי גַּם זֶה טוֹב מְאֹד", וַוייל דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט, "אֲבָל מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק בַּה', וְרוֹצֶה לְקַבֵּל עָלָיו עֹל עֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת", אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "רְצוֹנוֹ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כָּל הַיּוֹם הִתְבּוֹדְדוּת" זָאל אַ גַאנְצְן טָאג עוֹסֵק זַיין אִין הִתְבּוֹדְדוּת, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת כא): "וּלְוַאי שֶׁיִּתְפַּלֵּל אָדָם כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ", הַלְוַאי וָואלְט דֶער מֶענְטְש אַ גַאנְצְן טָאג גֶעדַאוֶונְט, אוּן מוֹהֲרְנַ"ת גֶעבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין? אַמֶער מֶען דַארְף דָאךְ עֶסְן, אוּן עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן וְכוּ', אוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, ווִי אִיז שַׁיָּיךְ אַ גַאנְצְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין? זָאגְט מוֹהֲרְנַ"ת, וֶוען מֶען אַרְבֶּעט - אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בַּיים

אַרְבֶּעטְן, אוּן וֶוען מֶען עֶסְט - אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד בַּיים עֶסְן, מֶען זָאגְט אַרוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוען מֶען קֶען נָאר - נָאךְ אַ וָוארְט אוּן נָאךְ אַ וָוארְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים גֵיין אוּן קוּמֶען אוּן בַּיים לֶערְנֶען, אַלֶעס גֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען מַאכְט מִיט דִי לִיפְּן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי קֶען מֶען טוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווילְן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצְן טָאג.

ווארוּם... ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז בַּיים רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ אוּן בַּיים רֵיינִיגְן דִי גֶעשִׁיר - רֶעדְסְטוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ זִינְגְסְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד): "שֶׁדִּבֵּר עִם כַּמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים", עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, "וְאָמְרוּ שֶׁלֹּא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגָתָם", זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת, "כִּי אִם עַל יְדֵי עִנְיָן פְּרָאסְטִיק", נָאר דוּרְךְ דִי פָּשׁוּטְ'עֶ עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁעָסְקוּ בַּעֲבוֹדָתָם בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּהִתְבּוֹדְדוּת וְשִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטְ'עֶרְהֵייט אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְעַל יְדֵי זֶה הִגִּיעוּ לְמַה שֶּׁהִגִּיעוּ, אַשְׁרֵי לָהֶם", אוּן נָאר אַזוֹי זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, ווָאוֹיל אִיז זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ צוּם אֱמֶת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט וויסְן וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אַסַאךְ אִיבֶּער אֱמֶתְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָ' אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק; וָואס מֵיינְט

דֶער רֶבִּי, צוּ אִים אַלֵיין, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אוּן אוֹיב יָא, וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען מְקוּרָב, דוּרְךְ דִי סְפָרִים, דוּרְכְן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים? אָדֶער דוּרְכְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נא), אֱמֶת אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יִרְמְיָה י, י): "וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת", אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער וֶוערְט אִין אִים אַיינְגֶעקְרִיצְט אֱמֶת, אוּן דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס נָאר דָאס אִיז אֱמֶת. מֶען דַארְף בֶּעטְן וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן, (תְּהִלִּים פו, יא): "הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ אֲהַלֵּךְ בַּאֲמִתֶּךָ, יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה שְׁמֶךָ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אֱמֶת, גֵיין מִיטְן אֱמֶת, לֶעבְּן מִיטְן אֱמֶת, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אָפְּנַארְן חַס וְשָׁלוֹם.

דָאס אִיז דֶער לִימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל נָאר דָאס אִיז אֱמֶת, אוּן נָאר דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זוּכְט אוֹיף אִין יֶעדֶע זַאךְ וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ, נָאר דָאס אִיז אֱמֶת; אַנְדֶערְשׁ קֶען מֶען זִיךְ גוּט אָפְּנַארְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען זָאל רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן אֱמֶת - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דָאס אִיז אֱמֶת, ווַייל אֱמֶת אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווַייל וִוי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּם אֱמֶת. אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן 'צַדִּיק אֱמֶת', ווַייל דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן אוּנְזֶערֶע יָארְן, מִיר זָאלְן

טְרַאכְטְן פוּן 'עָלְמָא דְּאָתִי', אַז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט, אוּן מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית וָואס דָאס אִיז אֱמֶת.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן הוֹיבְּט אָן גֵיין אוֹיף דִי וֶועג וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, אוּן ווִי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיט אֱמֶת, אוּן דָאס וֶועט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז אַלֶע זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁיָּבוֹא בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ שְׁפִּירְן עֶכְטֶע פְרֵיילִיכְקֵייט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ פִּילְן עֶכְטֶע אֱמֶת'עֶ פְרֵיילִיכְקֵייט, אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן מִיר שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי צוּפְרִידְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ג אָדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, ווַייל דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי שִׂמְחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילָה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן פְרֵיילִיךְ אִין מַיין גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִּיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ זָאל זֶען אוּן שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אֱמוּנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווָאס אִיז פְּשַׁט אַז אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן אוֹיף אֱמוּנָה אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ אַזוֹי וַוייט דֶערְפוּן? אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז עֶר אִיז דָא, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַסַאךְ אַז תְּפִילוֹת וֶוערְן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט; אִיז טַאקֶע אֱמוּנָה אַ זַאךְ ווָאס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ג אָדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ קֶען זַיין, אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן נִישְׁט בִּקְדוּשָּׁה אִיז שְׁוֶוערֶער צוּ הָאבְן אַ רֵיינֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן

לב), עֶס אִיז דָא נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נִישְׁט בִּקְדוּשָׁה, אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה. אוֹיךְ אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית פַּארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לא), אוֹיפְן פָּסוּק תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ", אַז בְּרִית אוּן אֱמוּנָה גֵיין אִינְאֵיינֶעם, אוּן אַז מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת - פַּארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, מֶען קֶען נִישְׁט מִיט דִי מֹחַ וָואס מֶען הָאט פַאַרְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת - שְׁפִּירְן גֶעטְלִיכְקֵייט.

אֵיידֶער דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת וְכוּ' זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גוּט גוּט תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וַוייטֶער בֶּעטְן פַּאר אַ רֵיינֶע קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמוּנָה שְׁלֵימָה. וַוייל מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען, נִישְׁטָא אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דוּרְךְ תְּפִילָה. אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת, דוּ וֶועסְט בֶּעטְן וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע שְׁטַארְקֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין, דָאס וֶועט שְׁטַארְקְן דַיין אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה, וֶועט דִיר גוּט זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר וֵויי אַז דוּ ווִילְסְט אַוֶועק גֵיין פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה, דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם סִיבָּה פַארְוָואס דוּ זָאלְסְט זַיין אִין יְשִׁיבָה; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער חַבֵר, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן יְשִׁיבָה, בְּלַייבּ אִין יְשִׁיבָה, אוּן דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו אַז דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ פַּאלְסְט, דָאס אִיז נִישְׁט דִי יְשִׁיבָה; דָאס אִיז דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, אוּן מַה-דָאךְ בַּיים רֶבִּי׳ן אִין יְשִׁיבָה שְׁפִּירְסְטוּ אַזוֹי צֶעפַּאלְן, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ שְׁפִּירְן אָן דִי יְשִׁיבָה... אָן דִי חִיזוּק, אָן דִי עֵצוֹת.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, שַׁ״ס כְּסִדְרָן, דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ בַּאפְרֵייטֶער מֶענְטְשׁ. וַוייל ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז טַאקֶע אִין אָנְהוֹיבּ שְׁוֶוער אוּן אָן אַ טַעַם, אָבֶּער אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען בְּרֶעכְט עֶס דוּרְךְ, מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶוערְט שְׁפֶּעטֶער אַזוֹי זִיס, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן

מִיטְן לֶעבְּן - דֶעמָאלְט אִיז אַזוֹי זִיס פַאר דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד וָואס הָאט אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין פב:): "שֶׁכָּל אוּמָנוּת שֶׁבָּעוֹלָם אֵין עוֹמְדוֹת לוֹ אֶלָּא בִּימֵי יַלְדוּתוֹ", אַלֶע סָארְט אַרְבֶּעט בְּרֶענְגְט גֶעלְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, "אֲבָל בִּימֵי זִקְנוּתוֹ הֲרֵי הוּא מוּטָל בָּרָעָב", אָבֶּער אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן, וֶוען מֶען קֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן - גֵייט מֶען אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, "אֲבָל תּוֹרָה אֵינָהּ כֵּן", אָבֶּער דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "עוֹמֶדֶת לוֹ לְאָדָם בְּעֵת יַלְדוּתוֹ, וְנוֹתֶנֶת לוֹ אַחֲרִית וְתִקְוָה בְּעֵת זִקְנוּתוֹ", דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - הֶעלְפְט עֶס לֶעבְּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אוּן אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן; דָאס בְּלַייבְּט מִיטְן מֶענְטְשׁ, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.

אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט לָאזְן אָפּ דָאס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען וַוייל עֶס שְׁמֵייכְלְט נִישְׁט צוּ זֵיי אִין אָנְהוֹיבּ, אוּן זֵיי לוֹיפְן צוּ עוֹלָם הַזֶּה, וָואס אִין אָנְהוֹיבּ שְׁמֵייכְלְט עֶס, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אוּן דִינְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט אוּן דֶעפְּרֶעסְט, מֶען לוֹיפְט צוּ סַמִּים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִיךְ בֶּעט דִיר, בְּלַייבּ יָא אִין יְשִׁיבָה, וֶועסְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע זִיסֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שֵׁיינֶע שְׁטוּב, הָאבְּן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט אִינְאֵיינֶעם.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ בְּרִיוו, אִיךְ ווִיל הָאבְּן מִיט דִיר שַׁיְיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, פוּן לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַייעֶר וֵוייטָאג פוּן

זִיךְ וְכוּ׳, אִיז דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן יֶעדְן טָאג מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען לַיידְט און אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער.

אַייעֶרע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ, און אֲפִילוּ זֵיי זָאגְן אַייךְ וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט זִיךְ אָנְטוּן, און וִוי אַזוֹי אִיר זָאלְט זִיךְ פִירְן - הָאבְּן זֵיי אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ. אִיר דַארְפְט זֵיי פַארְשְׁטֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער, וֶועט אִיר זֶען אַז וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער וִוי זִיךְ צוּ פִירְן אִיז דָאס נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט, דָאס קוּמְט פוּן לִיבְּשַׁאפְט.

אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אַייעֶרע עֶלְטֶערְן, עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, און אוֹיבּ עֶלְטֶערְן גֶעבְּן אַ פְּסַק - הֶערְט מֶען אוֹיס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר עֶלְטֶערְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט שְׁנֶעל טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, בֶּעטְס פַאר אַ גוּטֶער מַאן וָואס וֶועט אַייךְ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, אַ מַאן מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַ מַאן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; מִיט תְּפִלָּה וֶועט אִיר דָאס בַּאקוּמֶען.

זַייט אַייךְ מְחַזֵּק מִיט גוּטֶע חַבֶר׳טֶעס, וִוי לְמָשָׁל מָרַת ... און מָרַת ...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

יֶעצְט וֶוען אִיר זֶעט דִי גְרוֹיסֶע נֵס, עֶס הָאט אָפְּגֶעבְּרֶענְט דִי דִירָה וואוּ אִיר הָאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק גֶעווֹאוֹינְט, עֶס הָאט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט מִיט עֶנְק, דַארְף דָאס אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי זַאךְ פוּן דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לא.): ״לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִסּוֹ״, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעהַאט אַ נֵס כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט

און אַנֶערקֶענְט נִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע וואונְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ תְּהִלִּים, קו), דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן נִיסִים, און מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וִויפִיל נִיסִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט זֵיי יֶעדֶע רֶגַע, אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קלו, ד): "לְעוֹשֵׂה נִפְלָאוֹת גְּדוֹלוֹת לְבַדּוֹ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין וֵוייסְט דִי נִסִּים וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוּנְז.

זֶעט יֶעדְן טָאג צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, און דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ פַאר אַייעֶר מִשְׁפָּחָה און פַאר אַלֶע חֲסָדִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ קֶעגְן אִיר מַאמֶע; אוֹיבּ דוּ הָאסְט פְּחָדִים אָדֶער וֵוייטָאג - זָאלְסְטוּ דָאס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, דַיין שְׁוִויגֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט פַיינְט און אוֹיךְ נִישְׁט דַיין שְׁוֶוער.

אַלֶעס וָואס לִיגְט דִיר אוֹיפְן הַארְץ - זָאלְסְטוּ נָאר אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ און וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און קוּם אַהֵיים מִיט אַ שְׁמֵייכְל פוּן אוֹיעֶר צוּ אוֹיעֶר, און גֶעבּ אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ, און אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ וֵוינִיג רֶעדְן, רֶעד נָאר וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִיר, זַייְ שְׁטִיל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, און אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַהֵיים זָאלְסְטוּ זִיךְ שֵׁיין בַּאדַאנְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַאלְטְן בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל דִי זְמַן רַבֵּינוּ תַּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶלְעַד**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת.

אוֹיךְ הֶער אִיךְ זֵייעֶר גוּטֶע גְרִיסְן פוּן דַיין גַּבָּאוּת בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אִין אֶלְעַד, וִוי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הַאלְטְן בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל דִי זְמַן רַבֵּינוּ תַּם, צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג מִינוּט נָאכְן שְׁקִיעָה. מֶען קֶען דַאוְוענֶען מַעֲרִיב מוֹצָאֵי שַׁבָּת אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר, אָבֶער נִישְׁט עֶנְדִיגְן פְרִיעֶר מַעֲרִיב כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין חֲשַׁשׁ חִלּוּל שַׁבָּת, אוּן אוֹיךְ פּוּרִים זָאלְן עֶנְק לֵיינֶען דִי מְגִילָּה בַּיים רַבֵּינוּ תַּם זְמַן, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וַוייזְן דִי בְּרִיוו פַאר דִי גַבָּאִים פוּן אוּנְזֶערֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ; יְרוּשָׁלַיִם, בְּנֵי בְּרַק, טְבֶרְיָה, צְפַת, יַבְנְאֵל, בֵּית שֶׁמֶשׁ, בְּרַכְפֶלְד; מֶען זָאל נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי זְמַן פוּן רַבֵּינוּ תַּם, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר הֲפָצָה, אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳, קַאנַאדֶע**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דִי פְרוֹיעֶן טֶעלֶעפָאן לַיין, אַזוֹיפִיל פְרוֹיעֶן זֶענֶען זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ׳, אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת שֶׁעפְּן חַיוּת אוּן עֶס גֶעבְּט זֵיי פְרִישֶׁע כֹּחוֹת אָנְצוּגֵייעֶן מִיטְן לֶעבְּן.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט - אִיז מְקָרֵב דִי גְאוּלָּה, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הֶעלְפְּט אַרוֹיס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי״ן אִין דִי וֶועלְט - הָאט אַ חֵלֶק אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס וֶועט שׁוֹין בַּאלְד קוּמֶען, אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַלְוַאי אַז דוּ וֶועסְט גוֹרֵם זַיין חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, הַלְוַאי אַז דוּ וֶועסְט גוֹרֵם זַיין חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת - מַאכְט גֶעזוּנְט דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס מַאכְט פְרֵייליךְ, עֶס מַאכְט צוּפְרִידְן, גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן מַאכְט צוּפְרִידְן דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר לֶערְנֶען תּוֹרָה.

שְׁרַייבּ מִיר אוֹיבּ דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען מַיין בְּרִיוו, וַוייל אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זָאלְסְט אָנְהַאלְטְן דַיין חַיִים טוֹבִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט אַלֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ ווִיל זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים (אוֹר צַדִיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): ״וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַשְׁלִים חַ״י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ״י עוֹלָמוֹת מַה טוֹב וּמַה נָעִים״, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, ״יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ״, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט זֵיי, ״כִּי הוּא תִּיקוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי״, וַוייל מִיטְן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, ״וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע״, אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, ״גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה״, אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.

הַלְוַאי קֶענֶען מִיר בַּאנֵייעֶן אוּנְזֶער קֶשֶׁר אַזוֹי ווִי אַמָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקַבֵּל זַיין לְכָבוֹד דִי שִׁידוּךְ צוּ הֶעלְפְן דִי מַאמֶע וָואס מֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, אִיךְ קֶען זַייעֶר גוּט אַייעֶר חָתָן, עֶר אִיז זַייעֶר אַ וואוּילֶער, זַייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶנְקֶער שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ פְּלַאץ פַאר דִי שְׁכִינָה צוּ רוּעֶן, אוּן עֶנְק זָאלְן עֶנְקֶער גַאנְץ לֶעבְּן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

יֶעצְט לְכָבוֹד דִי שִׁידוּךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע זַאךְ, דִי בֶּעסְטֶע קַבָּלָה אִיז - הֶעלְפְן דִי מַאמֶע אִין שְׁטוּבּ וָואס מֶער; הֶעלְפְן אַ מַאמֶע אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, וֶוען מֶען הֶעלְפְט אַ מַאמֶע מַאכְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דִי וַוייבּ וֵויינְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, זָאלְסְט אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוּן אוֹיבּ וֵויינְט זִי צוּלִיבּ דִיר - זָאלְסְטוּ אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אוֹיבּ וֵויינְט זִי צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִיר.

וֶוער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אַזוֹי גֵייט דָאס, שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, שָׁנָה שְׁנִיָּה אוּן אַמָאל שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ, דִי וַוייבּ וֵויינְט אַסַאךְ, אוֹיךְ בַּאשׁוּלְדִיגְן זֵיי זִיךְ, זֵיי זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֶעגְט חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער", "אַ

רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַז דוּ הָאסְט אַזַא פְּרוֹי" וְכוּ' וְכוּ'; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן, אוּן אִיר זָאגְן וִוי פְרֵיילִיךְ מֶען אִיז מִיט אִיר, אוּן וִוי שְׁטַארְק מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז צוּ אִיר חֲתוּנָה גֶעהַאט.

בְּרוּדֶער, וָואס ווָאלְטְן מִיר גֶעטוּן אָן דֶעם רֶבִּי'ן? בְּרוּדֶער אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, וִוי אַזוֹי גֵייעֶן מֶענְטְשְׁן אַרִיבֶּער דָאס לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת? אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי'ן וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' שָׁם גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְּן מוֹהֲרַא"ש וָואס הָאט אַזוֹי לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטֶעחָאוֶוער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (רֶבִּי לֵוִי יִצְחָקְ'ס שְׁוָואגֶער), וֶוען עֶר הָאט אִים בַּאגְלֵייט צוּם מִקְוֶה. אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם אִים גֶעזָאגְט: "אִין פוּפְצִיג יָאר אַרוּם וֶועט זַיין נֵייעֶ זַאכְן אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט", דִי שִׂיחָה הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט בִּשְׁנַת תרע"ה; אַזוֹי לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אַז אוּנְז פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען וִוי מִיר זֶענֶען, זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מִיט אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לוֹיף נִישְׁט אַרוּם שַׁבָּתִים עֶסְן בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

לוֹיף נִישְׁט אַרוּם שַׁבָּתִים עֶסְן בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם, דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ פַאר אַ פָארְפָאלְק צוּ זַיין שַׁבָּת - אִיז אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, דִי אַלֶע וָואס לוֹיפְן אַרוּם וְכוּ', אִיז דִי עֶנְדֶע זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, מֶען עֶנְדִיגְט אִין גֵיהִנּוֹם הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַזוֹי אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט גֶערִיקְט דִי זֵייגֶער, זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים. גֵיי אִין שׁוּל; אַז דוּ ווילְסְט קֶענְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל מִיט חֲבֵרִים, אָבֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ נֶעם נִישְׁט אַרַיין קֵיינֶעם נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ וִויל דַיין שְׁטוּבּ זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ.

זַיי שְׁטַארְק, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ - זִיךְ אָפְּצוּגִיסְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בֶּעט נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל אוֹיבּ מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער קוּמֶען דִי שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת אוּן מַאכְן זִיךְ בַּאקְוֶועם אִין שְׁטוּבּ אוּן זֵיי שְׁטֶערְן דָאס לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען שֵׁיינֶע גְרִיסְן פוּן עֶנְקֶער חַבוּרָה, אַז מֶען שְׁפִּירְט בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אַ שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת אוּן אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת; דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ, וַוייל דָאס אִיז וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעוָואלְט אוּן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ וִויל וַוייטֶער, אַז אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת זָאל זַיין לִיבְשַׁאפְט אוּן תְּמִימוּת.

בְּלִי נֶדֶר דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מָאל וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ עֶנְקֶער חַבוּרָה זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט עֶנְק, חַזֶר׳ן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַאלְטְן טַייעֶר דִי וַוייבּ, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְסְטוּ, יֶעדְן אֵיינֶעם הֶערְסְטוּ אוֹיס, יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעבְּסְטוּ הִיטְשֶׁעס, אוּן וֶוען דַיין וַוייבּ ווִיל רֶעדְן מִיט דִיר - הֶערְסְטוּ אִיר נִישְׁט אוֹיס, אוּן וֶוען זִי בֶּעט דִיר אַ וֶועג זָאלְסְט אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען - מַאכְסְטוּ אִיר דֶעם גֵיהִנּוֹם; בִּיסְט נָארְמַאל? בִּיסְט אַ גֶעזוּנְטֶער?!

בִּיסְט אַ גַאנְצֶער מַאכֶער אִין שׁוּל, מַאכְסְט אוּן טוּסְט, עֶס קֶען אוֹיסְזֶען ווִי דוּ בִּיסְט מַמָּשׁ אַ גָאלְדֶענֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ אִיז אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, דָארְט הֶערְסְטוּ נִישְׁט, זֶעסְט נִישְׁט, מַאכְסְט אַ גֶעשְׁפֶּעט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע וואוּנְדֶער אִיז, אַז דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרַ״אשׁ. אִיךְ מַיין דוּ בִּיסְט פוּן דִי ״חֲבוּרַת קוֹילִיטְשׁ״, ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ הָאבּ דְרֵיי סָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ מִיר, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען עֶסְן קוֹילִיטְשׁ (בַּארְכֶעס), עֶס זֶענֶען דָא וָואס קוּמֶען הֶערְן מַיינֶע תּוֹרוֹת, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ בִּין אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶר הַארְץ״; צוּ זַיין פוּן דִי דְרִיטֶע חֲבוּרָה דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶועסְטוּ זֶען וָואס מוֹהֲרַ״אשׁ לֶערְנְט אוּנְז; מִיר זָאלְן הַאלְטְן טַייעֶר דִי וַוייבּ, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר טְרָאגְן אוּן אִיר בְּרֶענְגֶען. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יב, י): ״יוֹדֵעַ צַדִּיק נֶפֶשׁ בְּהֶמְתּוֹ״, דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וֵוייסְט וָואס זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דַארְפְן, אֲפִילוּ אוֹיף דִי בְּהֵמוֹת הָאט עֶר רַחְמָנוּת, ״וְרַחֲמֵי רְשָׁעִים אַכְזָרִי״, אוּן דִי רַחְמָנוּת פוּן רְשָׁעִים אִיז אַכְזָרִיוּת׳דִיג, ווַוייל זֵיי הָאבְּן רַחְמָנוּת דָארְט וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן; עֶר לוֹיפְט אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ וֶוען דִי וַוייבּ דַארְף הִילְף, צוּ דִי וַוייבּ אוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פִירְט עֶר זִיךְ ווִי אַן אַכְזָר, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

גֵיי יֶעדְן טָאג אִין פֶעלְד אוּן שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין וַוייבּ

און קִינְדֶער, אִיךְ וִויל סַבְלָנוּת, אוֹיסְהֶערְן מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, אִיר הֶעלְפְן, אִיר טְרָאגְן און בְּרֶענְגֶען, אִיךְ וֶוער אַזוֹי נֶערְוֶועז וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שַׁארְץ אַרוֹיף דַיינֶע עֶרְמְל פַאר אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ טוּן פַאר הַדְפָּסָה וְהַפָּצָה, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר צוּרִיק פַארְבְּלָאנְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם און זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, און עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ. "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי

בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מֶען הֶערְט אַזוֹיפִיל שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וִוי מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זִיךְ דָאס לֶעבְּן נָאר פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, נָאר פוּן פַארְלוֹירֶנְקֵייט, נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען לֶעבְּט, פַאר וֶועם מֶען לֶעבְּט, מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן טַעֲנוֹת 'וָואס דַארְף אִיךְ לַיידְן? וָואס גֵייט מִיר אַרִיבֶּער דָאס אַלֶעס?' מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דִי לִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין בַּאקְוֶועמֶע ווִינְקֶל, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף פַאר אַ צְוֵוייטֶע אִיד, שַׁארְץ אַרוֹיף דַיינֶע עֶרְמְל פַאר אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה, גֶעבּ אַ קַארְטְל, גֶעבּ אַ גִּלְיוֹן, גֶעבּ אַ סִי דִי, אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס; וֶועסְטוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע לֶעבְּנְס.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר פַאר דִי פְרוֹיעֶן, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ צַייטְלִיךְ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר, וַוייל יֶעצְט אִין דִי טֶעג וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח דַארְפְן דִי פְרוֹיעֶן אַסַאךְ אַסַאךְ חִיזוּק, אוּן אוֹיךְ דַארְפְן זֵיי ווִיסְן דִי הֲלָכוֹת ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט פֶּסַח'דִיג, וָואס אִיז ווִיכְטִיג אוּן וָואס אִיז נִישְׁט ווִיכְטִיג; זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין פְרִי אוּן אִיר מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין פִּינְטְל חֲלִישׁוּת הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי הוֹדָעָה.

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׂמְחָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ צוּ קֶענֶען מְגַדֵל זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

אַייעֶר חֲלִישׁוּת הַדַעַת קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אִיר קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'; וִויפִיל אִיךְ שְׁרַייב אַייךְ אוּן וִויפִיל אִיךְ רֶעדְט צוּ אַייךְ אִיר זָאלְט קוּקְן אוֹיף אַייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיר הָאט - פַּאלְט אִיר צוּרִיק אוּן אִיר קוּקְט אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם, אוֹיף אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן דָאס וַוארְפְט אַייךְ אַזוֹי אַרָאפּ אִין עַצְבוּת אוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת.

הֶערְט אוֹיף קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן וִוי דֶער תַּם וָואס הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתַּם): "וָואס הָאט יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה צוּ טוּן מִיט מִיר? וָואס הָאט יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן מִיט מִיר? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶערֶע לֶעבְּן וִוי דֶער חָכָם. אֱמֶת, בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דָא מֶער דִי זַאךְ פוּן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): "אֵין אִשָּׁה מִתְקַנְּאָה אֶלָּא בְּיֶרֶךְ חֲבֵירְתָּהּ", אַ פְרוֹי וֶוערְט צֶעשְׁפִּילְט דוּרְךְ קוּקְן אוֹיף אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס; אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דֶער וֶועג פוּנֶעם תַּם, זוּכְן דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס טוּט זִיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע, אוּן אֲפִילוּ בַּיי רוּחָנִיּוּת, אַז מֶען זֶעט אַנְדֶערֶע זֶענֶען מַצְלִיחַ, אַנְדֶערֶע מַאכְן אַזוֹי, אַנְדֶערֶע טוּעֶן בֶּעסֶער - זָאל מֶען גֶעדֶענְקֶען 'דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה', דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ וָוארְט זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ שְׁכּחַ גֶעבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן זוּכְן יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן.

אַז אִיר וֶועט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וֶועט אִיר מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין פִּינְטְל חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן אִיר וֶועט זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד דִי גֶעבוּרְטְס טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן פוּן דַיין זוּן אַ בְּרִיוֶועלֶע, עֶר פְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל זִיךְ פָארְנֶעמֶען לְכָבוֹד זַיין גֶעבוּרְטְס טָאג.

זֵייעֶר גוּט אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין בַּיי זֵייעֶר גֶעבוּרְטְס טָאג אַ גוּטֶע קַבָּלָה אוּן זַיין מִיט דֶעם שְׁטַארְק אַ גַאנְץ יָאר. בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין פַּארְטִיס; נִישְׁט אִין חֵדֶר, נִישְׁט אִין סְקוּל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט פַאר קִינְדֶער אוּן נִישְׁט פַאר עֶלְטֶערֶע; מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין אַמֶערִיקַאנֶער, מִיר טוּעֶן נָאר וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן צַדִיקִים.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, סֵיי דִי זִין אוּן סֵיי דִי טֶעכְטֶער - זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ לְכָבוֹד זֵייעֶר גֶעבוּרְטְס טָאג אוּן זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר זָאלְן זֵיי זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשְׁרִיבְּן עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אוֹיסְצוּהֶערְן חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ, אוּן דוּ אַלְס טַאטֶע זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרִימֶען אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דֶערְצֵיילְן אִין שְׁטוּבּ כְּסֵדֶר ווִי שֵׁיין עֶר דַאוֶוענְט, אַזוֹי וֶועט עֶס וֶוערְן בַּיי אִים אַ טֶבַע שֵׁנִי, עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

הוֹיבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַ שְׁפַּאצִיר, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, הוֹיבּ אָן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. אַזוֹי וֶועט זִיךְ דַיין הַארְץ דִיר עֶפֶענֶען אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ, אַרוֹיסְגֶעבְּן אַלֶע דְרוּק, אַלֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', עֶס וֶועט דִיר וֶוערְן זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְהֶערְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט אַ סִידוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט מִיט מִנְיָן אִין שׁוּל - זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן בַּיי חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי בַּעַל תְּפִלָּה מִיט אַ סִידוּר. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אִין צֶעטִיל קָטָן (סְעִיף יא): "בַּחֲזָרַת הַשַּׁ"ץ הַשְּׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה", וֶוען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֵייט אִיבֶּער דִי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, "יְעַיֵּן בְּסִדּוּר", זָאל מֶען אַרַיינְקוּקְן אִין סִידוּר, "לַעֲנוֹת אָמֵן בְּכָל כֹּחוֹ עַל כָּל בְּרָכָה וּבְרָכָה", אוּן עֶנְטְפֶערְן אָמֵן מִיט דִי גַאנְצֶע כֹּחַ אוֹיף יֶעדֶע בְּרָכָה.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, הָאסְט זֵייעֶר ווּאוֹילֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סְגוּלוֹת פַאר קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה. נֶעם דִי סְגוּלָה פוּן רֶבִּי'ן פַאר קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב), אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; אוּן פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - (שָׁם, סִימָן נו), פַארְלִירְט מֶען לֹא עָלֵינוּ דִי קִינְדֶער.

נָאךְ אַ סְגוּלָה אִיז דָא פוּן רֶבִּי'ן פַאר קִינְדֶער, גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פְּרִי, זֶעץ זִיךְ אַרוֹיס צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער הִינְטֶער דַיין שְׁטוּבּ מִיט אַ תְּהִלִּים, זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים. שְׁטֵיי

אוֹיף פַּארְטָאגְס און זִינְג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן סה): "הַשִּׁירוֹת וְהַתִּשְׁבָּחוֹת שֶׁאוֹמְרִין קֹדֶם אוֹר הַיּוֹם, הוּא סְגֻלָּה לְבָנִים", דָאס זִינְגֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּארְטָאגְס, אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַּאל נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין יֵאוּשׁ און עַצְבוּת, זַיי פְּרֵיילִיךְ און מַאךְ פְּרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֵצוֹת פַּאר אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן עֶר זָאל זִיךְ פִירְן שֵׁיין צוּ אַייךְ און אַייךְ פְּרֵיילִיךְ מַאכְן.

אָבֶּער אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז דִי עֵצָה צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן לִיגְט אִין אַייעֶרֶע הֶענְט, עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט אַייעֶר מַאן, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, עֶס הָאט נָאר מִיט אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אֱמוּנָה, חַזֶר'ן אֱמוּנָה, ווִיסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז נֶעבְּן אַייךְ, מִיט אַייךְ און בַּיי אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶעס, דִי מַאן, קִינְדֶער, שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דֶער און נִישְׁט יֶענֶער, נִישְׁט דֶער מַאן קֶען עֶפֶּעס טוּן, נִישְׁט דִי קִינְדֶער קֶענֶען עֶפֶּעס מַאכְן, עֶס אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

ווִי נָאר מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן גְלֵייבְּן אַז קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט לִיכְטִיג, און אוֹי וֵויי, ווִי בִּיטֶער און פִינְסְטֶער עֶס וֶוערְט וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דָאס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אִיז פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם, עֶס וֶוערְט אַזוֹי

שְׁלֶעכְט, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ אַ נֶערְוֶועץ צַאמְבְּרָאךְ רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, נֶעמְט דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין פוּן דִי דְרַייצְן אֲנִי מַאֲמִין אוּן זָאגְט דָאס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל יֶעדְן טָאג; זִינְגְט צוּ אַייךְ הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין: "אֲנִי מַאֲמִין" אִיךְ גְלֵייב, "בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה" מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, "שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ" אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "הוּא בּוֹרֵא" עֶר בַּאשַׁאפְט, "וּמַנְהִיג" אוּן פִירְט, "לְכָל הַבְּרוּאִים" אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, "וְהוּא לְבַדּוֹ" אוּן עֶר אַלֵיין, "עָשָׂה" הָאט גֶעטוּן, "וְעוֹשֶׂה" אוּן טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, "וְיַעֲשֶׂה" אוּן וֶועט וַוייטֶער אַלֶעס טוּן, "לְכָל הַמַּעֲשִׂים" אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט; אִיר וֶועט זֶען אַז עֶס וֶועט אַייךְ וֶוערְן גוּט, אִיר וֶועט שְׁפִּירְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט.

אַז אִיר וֶועט גֵיין צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער וֶועט יֶענֶער מַאכְן פוּן אַייךְ אַ גֶעשֶׁפֶעט, יֶענֶער וֶועט מִיט וֵויינֶען מִיט אַייךְ אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס עֶנְק הָאבְּן נִישְׁט, אוּן וָואס וֶועט אַייךְ יֶענֶער קֶענֶען הֶעלְפְן? וֶוען עֶר קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אֵיינֶעם מִיט לִינְקֶע פַארְדַארְבֶּענֶע הַשְׁקָפוֹת, וָואס וֶועט אַייךְ צוּ רֶעדְן צוּ וואוֹינֶען אַלֵיין, אָן אַ מַאן, וֶועט זַיין אוֹיף אַייךְ אַ בִּיטֶערֶע רַחְמָנוּת, אוּן אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע זִיסֶע קִינְדֶער. עֶס וֶועט וֶוערְן ט׳ בְּאָב, עֶס וֶועט חָרוּב וֶוערְן דִי דְרִיטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, עֶנְקֶער שֵׁיינֶע מִשְׁכָּן ה׳ וֶועט חָרוּב וֶוערְן. אִיךְ וֵוייס מַעֲשִׂיּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן גֶעוֵויינְט זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעסְן פוּן גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּארֶעדְט זֵייעֶר מַאן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אוּן וֵויינֶען הַיינְט, אוֹי וֵויי, אַ שָׁאד, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא וואוֹילֶער מַאן אוּן מִיר הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעהַאלְטְן טֵייעֶר.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, נֶעמְט אַ פַּאפִּיר מִיט אַ בְּלֵיי אוּן שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַפָּאר גוּטֶע זַאכְן אוֹיף אַייעֶר מַאן, אוֹיךְ שְׁרַייבְּט אַפָּאר גוּטֶע זַאכְן אוֹיף אַייךְ אוּן אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן נֶעמְט אַייךְ יֶעדְן טָאג צְוֵויי מִינוּט אִין אַ שְׁטִילֶע

פְלַאץ און שְׁמוּעֶסְט אוֹיס דִי צֶעטְל מִיטְן אֵייבֶערְשְׁטְן, רֶעדְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד און זָאגְט אִים שְׁכּחַ פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן, און פְּרוּבִירְט אַלְץ צוּצוּלֵייגְן נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ און נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, און דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן; דָאס וֶועט אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי עַצְבוּת און אַריינְבְּרֶענְגֶען אַן אֱמֶת'עֶ פְרֵייד אִין הַארְץ, בִּיז דִי נֶערְוֶועןְ וֶועט וֶוערְן אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען וֶועט שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן.

נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער פוּן דֶעם בְּרִיוו, וֶועט אַייעֶר לֶעבְּן וֶוערְן אֵיין שְׁטִיק גַן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י״ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ה לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט שׁוֹין יֶעצְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיר זָאלְט טוּן אַייעֶרְס, דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, דַאנְקְט אִים אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, רֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד, אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ, זָאגְט אִים: ״שְׁכּחַ אֵייבֶערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, שְׁכּחַ אֵייבֶערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, שְׁכּחַ אֵייבֶערְשְׁטֶער פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, שְׁכּחַ אֵייבֶערְשְׁטֶער אַז אִיךְ וֵוייס פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּ דִיר און דִיךְ צוּ דַאנְקֶען״.

גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, אַייעֶר יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין דָא.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## העלפן דעם מאן צו קענען אנהאלטן זיין הייליגע ארבעט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

איר דַארְפְט זיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט דִי זְכִיָה אַז אוּנְטֶער אַייךְ וֶוערְן מְחוּזָק אוּן מְקוּרָב אַזוֹי סַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַייעֶר מַאן אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז אַייעֶר זְכוּת, וָואס אִיר הֶעלְפְט אִים, אִיר זֶענְט אִים מְחַזֵק אוּן אִיר זֶענְט אִים אַ גוּטֶע וַוייבּ.

אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט אִין טֵייעֶרְקֵייט וִוי מֶען קוּקְט אִין הִימְל אוֹיף דִי וָואס טוּעֶן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֵצוֹת וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִי תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ",

עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

בִּזְכוּת הֶעלְפְן אַייעֶר מַאן צוּ קֶענֶען אָנְהַאלְטְן זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט זָאלְט אִיר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען טְרֶעפְן נָאר אִין זַיינֶע סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ה אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אִיז לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הָאט אַ שִׁיעוּר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין דִי שִׂיחוֹת וְכוּ' - הָאט מֶען אַ שַׁייְכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן, אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז עֶס אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק, אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", רֶבִּי נַחְמָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל מְקַנֵּא גֶעוֶועזְן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נָאר גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער דוּ קֶענְסְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן"; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס נֶעמְט צַאם אוֹיף לְמַעֲשֶׂה דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין

אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף, עֶס נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן בְּרֶענְגְט אִים צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לִיצֵי לֵצָנוּת אוֹיב מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; ווִי קֶען אֵיינֶער זָאגְן "אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר" וֶוען עֶר אִיז נָאךְ קֵיין אֵיין מָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים? ווִי קֶען מֶען זִיךְ בַּארִימֶען 'אִיךְ בִּין בַּיים רֶבִּי'ן' וֶוען מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶפְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז אַזַא לַאכֶעדִיגֶע זַאךְ; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין"; דֶער וָואס ווִיל קֶענֶען דֶעם רֶבִּ'ין דַארְף לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, נִישְׁט דָאס קֶענֶען דִי זְקֵנִים וּנְעָרִים מֵיינְט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, נִישְׁט דָאס ווִיסְן דִי נוּסָח מִיט דִי נִיגוּנִים אִיז בְּרֶסְלֶב, דֶער רֶבִּי קֶען מֶען טְרֶעפְן נָאר אִין זַיינֶע סְפָרִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק, גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים.

שְׁטַארְק זִיךְ, הוֹיבּ אָן פוּן יֶעצְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִי שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אַ שְׁמַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ הוֹדָעָה אַז עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אַ שְׁמַאטֶע, זִי שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי זִי אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

ווִי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן אִירֶע וֶוערְטֶער אִיז זִי זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט אִיר שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט מַאכְן צַייט פַאר אִיר, רֶעדְן מִיט אִיר, אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ

אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוּן אַז זִי שְׁרֵייט דִיךְ אָן - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, זָאלְסְט אִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן נִישְׁט אוֹיפְוַוייזְן אַז דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גֶערֶעכְט, חַס וְשָׁלוֹם טַעְנָה'עֶן, חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְוַוייזְן אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, נָאר גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הֶעלְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְף דַיין וַוייבּ, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אִיר אוֹיסְהֶערְן, וַוייל דָאס אִיז וָואס גֶעבְּט כֹּחַ פַאר דִי פְרוֹי, וֶוען זִי שְׁפִּירְט אַז דֶער מַאן הֶערְט אִיר אוֹיס אוּן אִיז אִיר מַחְשִׁיב.

זֶע אִין דִי טֶעג זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, זוּךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, זוּךְ נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, זוּךְ וִוי דוּ קֶענְסְט מֶער זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק קֶעגְן חוּמְרוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלה), וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו", נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת כה.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מַלְאָכִים נָאר פַאר אוּנְז מֶענְטְשְׁן לוֹיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין; דָאס אִיז לְגַבֵּי סְתָּם חוּמְרוֹת, אָבֶער אֲפִילוּ אוֹיף דָאס וָואס שְׁטֵייט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע (עַיֵּין בְּסֵפֶר חֲרֵדִים, פֶּרֶק סא) אַז יֶעדֶער אִיד זָאל נֶעמֶען אַ מִצְוָה וָואס אִין דֶעם וֶועט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוּן מַחְמִיר זַיין מִיט אַלֶע הִדּוּרִים וְכוּ', אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (שַׁבָּת קיח:): "אָבִיךְ בְּמַאי זָהִיר טְפֵי' וְכוּ'", מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל

אַרײַנְלֵייגְן אִין דִי מִצְוָה חוּמְרוֹת פוּן שְׁטוּת, שִׁגָּעוֹן אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, מֶען מֵיינְט נָאר צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִצְוָה וָואס אִין דֶעם מִצְוָה זָאל עֶר מְדַקְדֵק זַיין אָן קַיין נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת. הַלְוַאי זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִין דִי תּוֹרָה בִּפְשִׁיטוּת, וַוייל דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹות; עַיֵין שָׁם.

אֲפִילוּ לְגַבֵּי חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין מִיט חוּמְרוֹת וָואס בְּרֶענְגְט מָרָה שְׁחוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן חוּמְרוֹת וְכוּ' אִיז עֶר אוֹיךְ אַרײַנְגֶעפַאלְן אִין דֶעם. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן; יֶעדֶעס מָאל אִיז אִים אַרײַנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ חוּמְרוֹת, בִּיז אֵיין מָאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס טוּט מֶען צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן רֵיינֶע וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אָן קַיין חֲשַׁשׁ חָמֵץ?' דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי סֵדֶר אַז מֶען פְלֶעגְט אָנְשֶׁעפְּן וַואסֶער פַאר גַאנְץ פֶּסַח, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אוֹיסְגֶעהַאלְטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אָפְּהִיטְן דִי וַואסֶער פַאר דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב אַז עֶס זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דֶעם קַיין מַשֶּׁהוּ חָמֵץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס בֶּעסְטֶע וַואסֶער וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען קְוָואל וַואסֶער, וַוייל אַ קְוָואל הַאלְט דָאךְ אִין אֵיין קְוֶועלְן פְרִישֶׁע וַואסֶער כְּסֵדֶר אָן קַיין שׁוּם חֲשַׁשׁ חָמֵץ. אָבֶּער דָארְט וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְוָואל וַואסֶער, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַוֶועק צוּ פָארְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קְוָואל, אַזוֹי שְׁטַארְק זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע חוּמְרוֹת אוֹיף פֶּסַח; הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַיינְט דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, הַיינְט וַוייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן נִישְׁט פַאר מַלְאָכִים, הַיינְט פְרֵיי אִיךְ זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת אַלֵיין".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לָאז אָפּ סְפָרִים חִיצוֹנִיִּים; לֶערְן מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן מֶדְרָשִׁים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נֵייגֶערִיג וואוּ אוּן וֶוער הָאט דִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט צוּ דֶעם רִיכְטוּנְג, צוּ לֶערְנֶען דִי סָארְט סְפָרִים, וֶועלְכֶע חֲבֵרִים הָאסְטוּ גֶעפוּנֶען? אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ הָאסְט גוּטֶע חֲבֵרִים, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְקְרִיכְן חַס וְשָׁלוֹם, זָאלְסְט בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ מִיט דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים.

לָאז אָפּ דִי סְפָרִים חִיצוֹנִיִּים, לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא אוּן מֶדְרָשִׁים. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין הַנְהָגוֹת הָאָדָם, וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען.

א. "הָרִאשׁוֹן צָרִיךְ הָאָדָם לִלְמוֹד גְּמָרָא וּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י וְתוֹסְפוֹת וּמְפָרְשִׁים, כָּל אֶחָד לְפִי הַשָּׂגָתוֹ, וְהַפּוֹסְקִים אַחֲרֵיהֶם", דָאס עֶרְשְׁטֶע לִימוּד זָאל מֶען לֶערְנֶען גְּמָרָא מִיט רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד, "וּמִתְּחִלָּה יִלְמַד שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים", אוּן מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, "וְצָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּבוֹא עַל הָאֱמֶת", אוּן מֶען זָאל דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אֱמֶת, "כִּי חַטֹּאת נְעוּרִים שֶׁל הָאָדָם הָרִאשׁוֹן מְסַמִּין עֵינָיו, שֶׁלֹּא יִרְאֶה", וַוייל דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן מַאכְן בְּלִינְד דִי אוֹיגְן פוּן זֶען דִי אֱמֶת, "אַף שֶׁיָּכוֹל לְפַלְפֵּל וּלְהַגִּיד לַאֲחֵרִים דִּינוֹ", אוּן אֲפִילוּ מֶען קֶען זִיךְ טַעְנָה'ן אִין לֶערְנֶען, מֶען קֶען זָאגְן אַ צְוֵוייטְן וָואס צוּ טוּן, "אֲבָל הוּא בְּעַצְמוֹ שׁוֹכֵחַ וְלֹא מְקַיְּמָם בֶּאֱמֶת", אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין פַארְגֶעסְט אוּן טוּט עֶס נִישְׁט, "לָכֵן צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְחָרֵט מְאוֹד עַל עֲווֹנוֹתָיו", דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת, "וּלְהִתְבּוֹדֵד עַצְמוֹ קוֹדֶם אוֹר הַיּוֹם", אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ פַארְטָאגְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁאָז עֵת רָצוֹן לִבְכּוֹת עַל גָּלוּת הַשְּׁכִינָה פְּעָמִים הַרְבֵּה עַד אֵין חֵקֶר, וְיִבְכֶּה בִּדְמָעוֹת", מֶען דַארְף וֵויינֶען מִיט טְרֶערְן, "וְגַם בַּיּוֹם לִפְעָמִים יִתְבּוֹדֵד", אוֹיךְ בַּייטָאג זָאל מֶען זִיךְ פוּן צַייט צוּ צַייט מִתְבּוֹדֵד זַיין, "וְאָז יִרְאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁעָמְדוּ עֲוֹנוֹתָיו נֶגֶד עֵינָיו", דֶעמָאלְט

וֶועט עֶר זֶען וויפִיל עֲבֵירוֹת עֶר הָאט גֶעטוּן, "וְיִזְכֹּר אֶת חַטֹּאתָיו וַעֲווֹנוֹתָיו וּפְשָׁעָיו כֶּהָרִים וּגְבָעוֹת", עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן זֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת וִוי בֶּערְג אוּן טָאלְן, אַזוֹיפִיל - "אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא זָכַר אוֹתָם אִם עָשָׂה כָּכָה", וָואס עֶר הָאט פוּן פַארְדֶעם בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן, "כָּכָה יַעֲשֶׂה לֹא פַּעַם וְלֹא שְׁתַּיִם וְלֹא מֵאָה פְּעָמִים", אַזוֹי זָאל עֶר טוּן, נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נִישְׁט הוּנְדֶערְט מָאל, "עַד אֲשֶׁר יְרַחֲמוּ עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם", נָאר בִּיז מֶען וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים פוּן הִימְל, "וַיִּתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּדְרִיכֵהוּ בְּדֶרֶךְ", אוּן מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, "וְיוֹרֵהוּ דְּרָכָיו שֶׁלֹּא יִבְלֶה חַיֵּי חַיָּיו", עֶס זָאל אִים נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם לֶעבְּן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, "וְאָז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו וּבְרֹב חֲסָדָיו יָאִיר עֵינָיו בְּאוֹר תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה", דֶעמָאלְט וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען דִי שַׁיין אוּן לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, "וְיָבִין וְיַשְׂכִּיל תּוֹכֶן הַדָּבָר לַעֲשׂוֹתוֹ וּלְקַיְּימוֹ", אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי אַלֶע חָכְמוֹת, דִמְיוֹנוֹת וְכוּ'; נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג וָואס הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס אִיז אַ אִיד, אַ אִיד אִיז דֶער וָואס טוּט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוּן דֶער וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז מִיר זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין אוּנְזֶער שֵׂכֶל, וַוייל אוֹיבּ מֶען גֵייט נָאךְ דֶעם שֵׂכֶל - קֶען מֶען פַארְקְרִיכְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען

נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָּר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לְכָבוֹד דַיין גֶעבּוּרְטְס טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אָן אָנְגְרֵייטְן נֶעבְּן דַיין בֶּעט נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער; אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ הָאסְט זֵייעֶר טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ וֶועסְט דִי צְוֵויי זַאכְן טוּן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

צְוֵויי זַאכְן ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוּן דָאס וֶועט זַיין דַיין יְשׁוּעָה, עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד): "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הֲוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אִיז

גֶעגַאנְגֶען און אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרֵיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ח), דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ בְּלַייבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן ווִיל אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הֲוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", פַּרְסֵי אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, דָאס אִיז מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, עֶר וַוארְפְט אַרוֹיף אַ בַּארְג אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, און ווִי נָאר מֶען לָאזְט אָפּ דָאס דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל יֶעדְן טָאג - גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, וּבְכֵן ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, צוּ קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל.

צְוֵוייטְנְס, דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין מֶער ווִי דוּ בִּיסְט זִיךְ אַלֵיין מְכַבֵּד. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ", דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ מֶער ווִי זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ", וַוייל דָאס אִיז דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ און רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, אִיר אוֹיסְהֶערְן, אִיר גֶעבְּן דִי גוּטֶע גֶעפִיל, זִי זָאל זַיין דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ.

אַז דוּ וֶועסְט דִי צְוֵויי זַאכְן טוּן - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, און דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִילוּ פַאר צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט נָאר, און שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֵצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## אַ מְחַיֶּ' צִיצִית

גֶעבּ אַ קוּק, דֶער רֶבִּי וֵויינְט, וָואס קֶען דָאס זַיין? דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן? נֵיין דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַזוֹי גְרוֹיס, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דָארְט אִיז דָאךְ אַזוֹי לִיכְטִיג, אִין גַן עֵדֶן אִיז בֶּעסֶער פוּן דִי וֶועלְט, נוּ פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? לָאמִיר אִים גֵיין פְרֶעגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר גֵייט שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן דִי תַּלְמִידִים וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט דָא פָאר, זֵיי פְרֶעגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: "רֶבִּי, פַארְוָואס וֵויינְט דֶער רֶבִּי? דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן?"



די הֵיילִיגֶע צִיצִית

"נֵיין, נֵיין", עֶנְטְפֶערְט דֶער צַדִיק, "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן שְׁטַארְבְּן, אִיךְ הָאבּ מַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יֶעצְט וֶועל אִיךְ גֵיין אִין גַן עֵדֶן מִיט אַלֶע צַדִיקִים, אִיךְ וֵויין אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית"; דֶער צַדִיק כַאפְּט אָן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטְרִיק פוּן דִי צִיצִית אוּן זָאגְט: "דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען מְקַיֵים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, מֶען קֶען קוֹיפְן אַבִּיסְל וָואל פַאר אַפָּאר פְּרוּטוֹת אוּן מַאכְן דִי מִצְוָה, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען טוּן דִי מִצְוָה, אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן צִיצִית, דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ קִישְׁן דִי צִיצִית אוּן קוּקְן אוֹיף דִי צִיצִית אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מִצְוָה, וָואס אוֹיבּ מֶען וֶועט צַאמְנֶעמֶען אַלֶע גֶעלְט אוּן אַלֶע מַתָּנוֹת אוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן שֵׁיינֶע שְׁטֵיינֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אֵיין מִינוּט וָואס גֵייט מִיט צִיצִית.

אַלֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן טַאנְצְן: "אַ מְחַיֶ' צִיצִית, אַ מְחַיֶ' צִיצִית, אַ מְחַיֶ' אִיךְ הָאבּ צִיצִית, שְׁכּ'חַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ צִיצִית, הֶעלְף אִיךְ זָאל אֵייבִּיג גֵיין מִיט צִיצִית, אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ קִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן זִיךְ אֵייבִּיג פְרֵייעֶן מִיט דִי צִיצִית".